# נײַער ייִדישער אינסטיטוט עפֿנט זיך אין ווילנע

דער עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿונעם ניו־יאָרקער „ייִוואָ״ ד״ר קאַרל רײַנס, דער פּרעזידענט פֿון דער ייִדישער קהילה אין ליטע ד״ר שמעון אַלפּעראָוויטש, און די אַמבאַסאַדאָרן פֿון אַמעריקע, ענגלאַנד, פֿראַנקרײַך, רומעניע און אַנדערע לענדער זײַנען געווען צווישן די הונדערטער געסט וועלכע האָבן פֿאַראַכטאָגן אָנטיילגענומען אין דער פֿײַערלעכער דערעפֿענונג פֿונעם נײַעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט בײַם ווילנער אוניווערסיטעט. דער אינסטיטוט גייט אַרײַן אין היסטאָרישן פֿאַקולטעט פֿון אוניווערסיטעט און אַלע זײַנע קורסן זײַנען אָפֿיציעל אַקרעדיטירט פֿונעם אוניווערסיטעט.

דער ווילנער ייִדישער אינסטיטוט, וואָס געפֿינט זיך אין אַ צוויי־שטאָקיקן ערשט־רעסטאַווריטן לאָקאַל אויפֿן פּרעכטיקן פֿינף הונדערט יאָריקן קאַמפּוס, איז געגרינדעט געוואָרן אויפֿן יסוד פֿון אַ גאַנצער ריי אַקטיוויטעטן וואָס ווערן שוין אָנגעפֿירט אין משך פֿון יאָרן. דאָ גייען אַרײַן: די אינטענסיווע איין־חודשדיקע זומער־פּראָגראַם וואָס האָט אָקערשט אָפּגעמערקט איר פֿערטן דערפֿאָלגרײַכן יאָר; קורסן איבער ייִדישער שפּראַך, קולטור און ליטעראַטור אין משך פֿון אַקאַדעמישן יאָר; עקספּעדיציעס אויסצוזוכן, אינטערוויוירן און ווידעאָגראַפֿירן די לעצטע שטעטלדיקע ייִדן אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד, לעטלאַנד און די שכנותדיקע לענדער; די שאַפֿונג פֿון אַ דיגיטאַלן ווידעאָ־אַרכיוו פֿונעם הײַנטיקן מיזרח־אייראָפּעיִשן ייִדיש; פּראָיעקטן צו דאָקומענטירן די שפּורן פֿון אַמאָליקן ייִדישן לעבן אין מיזרח־אייראָפּע, דער עיקר דורך בשותּפֿותדיקער אַרבעט מיט היגע ייִדן פֿון עלטערן דור; אַרויסגעבן נײַע ווערק אויף ייִדיש, אויך ווערק וועגן דער ייִדישער שפּראַך און קולטור אויף פֿאַרשיידענע שפּראַכן.

דער דירעקטאָר פֿונעם נײַעם אינסטיטוט איז דער 38־יאָריקער מענדי כּהנא, גרינדער פֿון דעם „יונג ייִדיש צענטער״ אין ירושלים, וועלכער איז שוין דאָס צווייטע יאָר דער דירעקטאָר פֿון דער ווילנער זומער־פּראָגראַם. אין צוגאָב צו זײַנע אָרגאַניזאַטאָרישע פֿעיִקייטן און זײַן ברייטן און טיפֿן וויסן אינעם תּחום פֿון ייִדיש, איז ער אַ באַקאַנטער ייִדישער שוישפּילער און זינגער, און פֿירט אָן מיט דער באַליבטער גרופּע „ייִדיש עקספּרעס״.

דער אַקאַדעמישער דירעקטאָר פֿונעם אינסטיטוט איז דער 45־יאָריקער פּראָפֿעסאָר הירשע־דוד קאַץ, וועלכער האָט געגרינדעט די ייִדיש־פּראָגראַם אויפֿן אָקספֿאָרדער אוניווערסיטעט מיט יאָרן צוריק און האָט זיך איבערגעקליבן אין ווילנע אין 1999 בכדי אָנצונעמען די נײַע פּראָפֿעסור פֿון ייִדישער שפּראַך, ליטעראַטור און קולטור בײַם ווילנער אוניווערסיטעט. פּראָפֿעסאָר קאַץ האָט געגרינדעט די ווילנער זומער־פּראָגראַם אין 1998 און די לעצטע יאָרן האָט ער אין אַ גרויסער מאָס אָפּגעגעבן עקספּעדיציעס אויסצוזוכן און רעקאָרדירן דאָס לשון פֿון די לעצטע שטעטלדיקע ייִדן אין געגנט וואָס לעבן עד־היום אין די מקומות ווו עס האָבן אין גאַנג פֿון דור־דורות געלעבט זייערע משפּחות.

אין משך פֿון איצטיקן אַקאַדעמישן יאָר איז פּראָפֿעסאָר קאַץ אַ סטיפּענדיאַנט פֿון דער גוגענהיים־פֿונדאַציע אין ניו־יאָרק. דאָס איז דאָס ערשטע מאָל וואָס די וועלט־באַוווּסטע פֿונדאַציע האָט צוגעטיילט אַ סטיפּענדיע פֿאַרן שרײַבן אַ בוך אויף ייִדיש.

צווישן די וויסנשאַפֿטלעכע מיטגלידער פֿונעם אינסטיטוט געפֿינט זיך אויך ד״ר מאַריאַ קרופּאָוועס, אַ מוזיקאָלאָגין, וועלכע האָט ערשט זוכה געווען אויסגעקליבן צו ווערן פֿאַר דער ערשטער חפֿץ־סטיפּענדיע בײַם ניו־יאָרקער „ייִוואָ״.

נאָך אַ דאָצענט אינעם אינסטיטוט איז זײַן עקזעקוטיוו־דירעקטאָר ד״ר ש. ליעקיס, וועלכער האָט ערשט באַקומען אַ סטיפּענדיע פֿונעם חורבן־מוזיי אין וואַשינגטאָן בכדי צו פֿאָרשן די ייִדישע פּאַרטיזאַנער אין די נאַראַטישער וועלדער בעתן חורבן.



ד״ר קאַרל רײַנס (רעכטס), עקזעקוטיוו־דירעקטאָר פֿונעם ייִדישן וויסנשאַפֿטלעכן אינסטיטוט אין ניו־יאָרק (דער „ייִוואָ״), גיט אָפּ מזל־טובֿ פּראָפֿעסאָר דוד קאַץ בײַ דער יום־טובֿדיקער דערעפֿענונג פֿונעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט אינעם „פֿילאָלאָגישן הויף״ פֿון ווילנער אוניווערסיטעט ווו עס געפֿינט זיך דער ערשט־געעפֿנטער ייִדישער אינסטיטוט.

אין דער לערערשאַפֿט גייען אַרײַן די באַקאַנטע געלערנטע פֿון דער הײַנטיקער ווילנער ייִדישער קהילה, בתוכם פּראָפֿעסאָר מאיר שוב, ד״ר ישׂראל לעמפּערט, און ד״ר לאַריסאַ לעמפּערטיענע.

פֿון דעם ערשטן סעפּטעמבער, פֿירט אָן דער אינסטיטוט מיט אַ רײַכער פּראָגראַם פֿון קורסן אויפֿן ווילנער אוניווערסיטעט, צווישן זיי: ייִדישע שפּראַך אויף אַלע ניוואָען; ייִדישע ליטעראַטור; ייִדישע געשיכטע; ייִדישע פֿילאָסאָפֿיע; ייִדישע קונסט; דער חורבן.

אַ הויכפּונקט פֿונעם אינסטיטוטס יערלעכן לוח איז די באַליבטע ווילנער זומער־פּראָגראַם פֿון ייִדישער שפּראַך און קולטור. דעם זומער האָבן אָנטיילגענומען זיבעציק סטודענטן פֿון 16 לענדער. די לערערשאַפֿט איז באַשטאַנען פֿון פּראָפֿעסאָר חנן באָרדין (העברעיִשער אוניווערסיטעט אין ירושלים); פֿרוי רחל ווײַזנער (יעיל אוניווערסיטעט, ניו־הייוון, קאָנעטיקאָט); פּראָפֿעסאָר אַנאַ ווערשיק (אוניווערסיטעט פֿון טאַלין אין עסטלאַנד); פּראָפֿעסאָר דזשעראַלד פֿרייקס (קאַליפֿאָרניער אוניווערסיטעט אין לאָס־אַנדזשעלעס); פּראָפֿעסאָר אליה קאַץ (בערקלי אוניווערסיטעט אין צפֿון קאַליפֿאָרניע); אַקאַדעמישער דירעקטאָר: פּראָפֿעסאָר הירשע־דוד קאַץ (ווילנער אוניווערסיטעט).

עס זײַנען שוין אויסגעפֿאַרטיקט געוואָרן די פּלענער אויף דער פֿינפֿטער ווילנער זומער־פּראָגראַם, וואָס וועט אָפּגעהאַלטן ווערן פֿון 1טן ביזן 29סטן אויגוסט, 2002 (זען WWW.Yiddishvilnius.Com)

אין זײַן רעדע בײַ דער דערעפֿענונג פֿונעם נײַעם ווילנער ייִדישן אינסטיטוט האָט פּראָפֿעסאָר דוד קאַץ צווישן אַנדערן געזאָגט:

„מיר טראָגן זיך ניט אַרומעט מיט קיין שום אילוזיעס וועגן ווידער אויסבויען דאָס וואָס איז דאָ חרובֿ געוואָרן, דאָס קען מען ניט. וואָס יאָ, מיר סטאַרען זיך אויסצובויען אַ גליקלעכן אינדזל ווו טאַלאַנטירטע סטודענטן פֿון איבער דער וועלט וועלן קענען זיך פֿאַרטיפֿן אין די אוצרות פֿון ייִדיש, ניט סימבאָליש אָדער סענטימענטאַליסטיש אָדער דורך סך־הכּלען אויף אַנדערע שפּראַכן, נאָר וואָדען: אויפֿן סמך פֿון ייִדיש בייִדיש; אויפֿן סמך פֿון נאָענטער בשותּפֿותדיקער אַרבעט מיטן עלטערן דור ייִדן אין ליטע, ווײַסרוסלאַנד און לעטלאַנד; אויפֿן סמך פֿון נאָענטע קאָנטאַקטן מיט אונדזערע שוועסטער־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, אייראָפּע און ישׂראל, און דער עיקר: אויפֿן סמך פֿון ערנסטער פֿאָרשונג און התמדה וואָס פֿאַרן זיך האַרמאָניש מיט אונדזער ליבשאַפֿט צו ייִדיש״. □